**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/3/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 15.8 מיליאן דאלאר געשאנקען צו העלפן מילכיגס פארמער באשיצן וואסער קוואליטעט**

***פינאנצירונג אנאנסירט אלס טייל פון די גאווערנער'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אונטערנעמונג צו פארשטערקערן מילכיגס אינדוסטריע און צו שטיצן מילכיגס פארם מאדערניזירונג און שטאנדהאפטיגקייט***

***גאווערנער'ס 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט פארשלאג רעכנט אריין נאך 10 מיליאן דאלאר צו איסברייטערן מילכיגס פראצעסירונג קאפאציטעט, שטיצן קריטישע פארשונג, און איינפירן קלימאט-שטאנדהאפטיגע שיטות אויף ניו יארקע מילכיגס פארמס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז 22 פארמס זענען געשאנקען געווארן איבער 15.8 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אין די ערשטע רונדע פון דעם 'קאנצענטרירטע באשעפעניש פיטערונג אפעראציעס' (Concentrated Animal Feeding Operation, CAFO) 'באריכערטע נוטריענט און מעטעין פארוואלטונג פראגראם' ( Enhanced Nutrient and Methane Management Program, CAFO ENMP). פינאנצירונג פון דעם פראגראם וועט גיין פאר פראיעקטן וואס העלפן פארמער באשיצן וואסער קוואליטעט און פארמינערן די ווירקונגען פון קלימאט טויש דורכן רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס. פינאנצירונג פאר דעם פראגראם איז אנאנסירט געווארן אלס טייל פון די גאווערנער'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, און עס בויט ארויף אויף די צוזאג וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאכט צו שטיצן מילכיגס פארם מאדערניזירונג און שטאנדהאפטיגקייט.

"די מילכיגס אינדוסטריע איז א יסוד פון ניו יארק'ס עקאנאמיע, א דאנק די איבערגעגעבנקייט פון מילכיגס פארמער און מעניופעקטשורערס אריבער די סטעיט וועמען'ס ארבעט האט געמאכט די סחורה פאר ניו יארק'ס גרעסטע אגריקולטורישע סעקטאר", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו העלפן אונזערע פארמער צו רעדוצירן זייער קארבאן באנוץ בשעת'ן פארזעצן צו ארויפשטעלן ערשט-קלאסיגע פראדוקטן אויף די טישן פון ניו יארקער פאר פילע קומענדיגע דורות."

דורך די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג, וועט דער פראגראם העלפן פארמערס וואס האבן CAFO פערמיטס צו איינפירן פראיעקטן וואס באריכערן די בהמה אפפאל פארוואלטונג סיסטעמען וואס באערדיגן קארבאן און היטן אויף די אפפאל נוטריענטן וואס ווערן גענוצט צו באמיסטיגן די פעלדער און ערד צו באשיצן די וואסער קוואליטעט. דער פראגראם שטיצט אויך פארשריט אין פונקטליכע פיטערונג פארוואלטונג צו באלאנסירן נוטריענטן און רעדוצירן מעטעין עמיסיעס. די געשאצטע קלימאט-שעדיגנדע גאז (Greenhouse Gas, GHG) רעדוקציע פאר אלע פראיעקטן איז 122,833 MTCO2e א יאר, א מאס וואס וואלט רעדוצירט געווארן דורכן אראפנעמען 28,651 גאז-געטריבענע קארן פון די שאסיי פאר איין יאר.

א סך הכל פון 22 פראיעקטן זענען געשאנקען געווארן פינאנצירונג דורך די סטעיט'ס ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס דורך צוויי פינאנצירונג 'טרעקס'. זיבעצן פראיעקטן זענען געשאנקען געווארן פינאנצירונג דורך 'טרעק A', וואס וועט גיין פאר נוטריענט און GHG פארוואלטונג סיסטעמען וואס באנוצן זיך מיט די בעסטע פארוואלטונג סטאנדארטן. פינף פראיעקטן האבן באקומען פינאנצירונג דורך 'טרעק B' וואס וועט גיין פאר בהמה אפפאל סטארעדזש איבערדעקונג און פארברענונג פראיעקטן און פארבינדענע מעטאדן. די פארטיילטע פינאנצירונג איז ווי פאלגנד:

**הויפטשטאט ראיאן**

- ***$11,414.38*** געשאנקען פאר די **סאראטאָגע קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Saratoga County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די האדסאן-הוסיק וואסערשייד.

**צענטראל ניו יארק**

- ***$1,025,759.00*** געשאנקען פאר די **קאָרטלאנד קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Cortland County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט צוויי פארמס אין די שענענגאָו וואסערשייד.
- ***$293,850.00*** געשאנקען פאר די **מעדיסאן קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Madison County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די אניידע וואסערשייד.

**פינגער לעיקס**

- ***$3,192,578.00*** געשאנקען פאר די **אָנטאַריאו קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Ontario County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט דריי פארמס אין די סענעקא וואסערשייד.
- ***$2,167,334.00*** געשאנקען פאר די **אָנטאַריאו קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Saratoga County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די טשימאָנג וואסערשייד.
- ***$1,248,588.05*** געשאנקען פאר די **וויאָמינג קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Wyoming County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט דריי פארמס אין די אָפּער דזשענעסי וואסערשייד.
- ***$608,987.20*** געשאנקען פאר די **וויאָמינג קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Wyoming County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די לאָווער דזשענעסי וואסערשייד.
- ***$246,900.00*** געשאנקען פאר די **דזשענעסי קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Genesee County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די אָוק ארטשארד - טוועלף מייל קריק וואסערשייד.

**מאוהאק וואלי**

- ***$942,162.50*** געשאנקען פאר די **מאַנטגאָמרי קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Montgomery County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די מאָוהאק וואסערשייד.
- ***$741,861.35*** געשאנקען פאר די **הערקימער קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Herkimer County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די מאָוהאק וואסערשייד.
- ***$98,483.68*** געשאנקען פאר די **אניידע קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Oneida County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די מאָוהאק וואסערשייד.
- ***$54,611.89*** געשאנקען פאר די **אניידע קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Oneida County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די אניידע לעיק וואסערשייד.

**צפון קאנטרי**

- ***$810,571.00*** געשאנקען פאר די **קלינטאן קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Clinton County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די לעיק טשעמפּלעין וואסערשייד.
- ***$526,926.21*** געשאנקען פאר די **פרענקלין קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Franklin County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די סעינט לאורענס וואסערשייד.
- ***$457,056.00*** געשאנקען פאר די **סעינט לאורענס קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (St. Lawrence County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די סעינט לאורענס וואסערשייד.

**מערב ניו יארק**

- ***$1,909,650.00*** געשאנקען פאר די **קעטערעגוּס קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Cattaraugus County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די קעטערעגוּס וואסערשייד.
- ***$1,470,815.00*** געשאנקען פאר די **שעטאַקווע קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט (Chautauqua County Soil and Water Conservation District)** צו ארבעטן מיט איין פארם אין די שעטאַקווע-קאַנאט (Chautauqua-Conneaut) וואסערשייד.

פולע פראיעקט שילדערונגען זענען פארעפנטליכט דא.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) קאמישאנער, Richard Ball (ריטשארד באל), האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז היים צו טייל פון די מערסט געפילישע מילכיגס פארמער וועלכע טוהען נישט נאר פראדוצירן און פראצעסירן טייל פון די סאמע בעסטע מילכיגע פראדוקטן אין די וועלט, נאר וועלכע ארבעטן אויך שווער צו איבערלאזן די אינדוסטריע בעסער פאר צוקונפטיגע דורות. די פינאנצירונג איז אן אמת'ע עדות צו די ווירדע פון העלפן אונזערע פארמער אריבערגיין צו קלימאט-זיכערע שיטות וואס פרעזערווירן אונזערע נאטורליכע קוועלער בשעת'ן פארזעצן צו באשיצן זייערע ביזנעסער און ערנערן אונזערע קאמיוניטיס." איך וויל באדאנקען אונזערע זאמד און וואסער דיסטריקטס און אונזערע פארמער פאר די ארבעט וואס זיי טוהען, און איך קוק ארויס צו זעהן די פראיעקטן ווערנדיג דורכגעפירט."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגער קאמישאנער, Sean Mahar (שאָן מאהאר), האט געזאגט,** די "DEC אפּלאדירט גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארגעזעצטע אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע און צו צושטעלן הילפס-מיטלען פאר פארמער וועלכע דינען אלס קריטישע שותפים אין די אפּהיטונג פון לאנד און אנדערע נאטורליכע קוועלער. די DEC'ס פארלאנגען שפּילן א וויכטיגע ראלע ביים היטן אויף וואסער קוואליטעט, און די פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן אז די בעסטע פארוואלטונג שיטות ווערן גענוצט און אז נוטריענט פארוואלטונג פלענער ווערן איינגעפירט אויף בהמה פארמס."

**ניו יארק סטעיט ערד און וואסער אפּהיטונג קאמיטע ( Soil and Water Conservation Committee) פארזיצער, Matt Brower (מעט בראַוער), האט געזאגט,** "די פאדערונגען צו האבן א CAFO דזשענערעל פערמיט קען פירן צו באדייטנדע פינאנציעלע און פארוואלטונג שוועריגקייטן פאר פארם אפּעראציעס אין ניו יארק. דאס האבן די געלטער צו פארטיילט ווערן פאר פארמער איז וויכטיג זיי צו העלפן נאכקומען די שוועריגקייטן, בשעת'ן אויף פארבעסערן וואסער קוואליטעט און אדרעסירן קלימאט טויש זארגן. מיר זענען מזל'דיג צו האבן אזא געוואלדיגע צוזאמענארבעט צווישן די פארמער און די לאקאלע ערד און וואסער אפּהיטונג דיסטריקטס, א זאך וואס מאכט די פלאנירונג און איינפירונג פון די פראיעקטן מעגליך. די סטעיט ערד און וואסער אפּהיטונג קאמיטע איז פיל דאנקבאר פאר די באמיאונגען פון די דיסטריקטס."

**סענאטארשע Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "ניו יארקע מילכיגס איז א יסוד פון די סטעיט'ס עקאנאמיע, אלס אונזער גרעסטע אגריקולטורישע סעקטאר און קריטישע דזשאב שאפנדע פעלד אין שטעטלישע קאמיוניטיס און נאך ווייטער. רייִנע לופט, וואסער און געזונטע זאמד זענען פונדאמענטאל פאר בליהענדע פארם ביזנעסער און דערמיט — א פארלעסליכע עסנווארג סופּליי. אונזער סטעיט האט א גרויסע אינטערעס צו צושטעלן דירעקטע פינאנציעלע שטיצע פאר מילכיגס פארמער וועלכע זענען פיאנירן אין קלימאט-קאנצענטרירטע שיטות וועלכע באשיצן אונזער סביבה און רעדוצירן עמיסיעס. די CAFO באררייכערטע נוטריענט און מעטעין פארוואלטונג פראגראם וואס מיר האבן אוועקגעשטעלט לעצטע יאר העלפט דאס מאכן געשעהן, און מיר גראטולירן די פארמער אריבער ניו יארק סטעיט וועמען'ס פראיעקטן האבן באקומען פינאנצירונג אין די ערשטע רונדע."

**אסעמבלי מיטגלידערין Donna Lupardo (דאַנע לופּאַרדאָו) האט געזאגט,** "אלס א גרויסארטיגע פראדוצירער פון זיכערע און נארהאפטיגע עסנווארג, איז די מילכיגס אינדוסטריע א קריטישע טייל פון ניו יארק'ס אגריקולטורישע עקאנאמיע. איך בין פרייליך צו זעהן 22 פארמס בענעפיטירנדיג פון פינאנצירונג וואס וועט זיי העלפן רעדוצירן זייער קארבאן באנוץ און ארויסהעלפן מיט מילך סטארעדזש טעכנאלאגיעס. סיי פאר אונזער קלימאט און סיי פאר אונזער עסנווארג סופּליי, איז דאס וויכטיג אז מיר זאלן פארזעצן צו שטיצן אונזערע מילכיגס פראדוצירער דורך איניציאטיוון פון די סארט."

**New York Farm Bureau פרעזידענט, David Fisher (דעיוויד פישער), האט געזאגט,** "אלס די פינפטע-גרעסטע מילכיגס פראדוצירער אין די פאראייניגטע שטאטן, האט ניו יארק א מאכטפולע ראלע אין די אינדוסטריע, זייענדיג די ערשטע פאר קאטעדזש קעז, סמעטענע און יאגורט פראדוקציע. און אלס די וועכטער פון די לאנד, האבן מילכיגס פארמער אן אינטערעס צו היטן אויף די זאמד און וואסער קוואליטעט, רעדוצירנדיג זייער קארבאן באנוץ און איינפירנדיג מאדערנע טעכנאלאגיע צו פרעזערווירן פארמינג פאר צוקונפטיגע דורות. דורכן שענקען CAFO ENMP פינאנצירונג פאר ערד און וואסער אפּהיטונג דיסטריקטס אריבער די סטעיט, שיקט גאווערנער Hochul (האקול) א שטארקע מעסעדזש אז מילכיגס פארמער זענען פארטרויליכע שותפים ביים היטן אויף די ענווייראמענט און ענווייראמענטאלע געזונטהייט."

אונטער די גאווערנער'ס פירערשאפט, האט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אריינגערעכנט צוגאבליכע געלטער צו העלפן פארשטערקערן די מילכיגס אינדוסטריע, אריינרעכענענדיג 34 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג אין לויף פון צוויי יאר צו אויסברייטערן קאפאציטעט אויף פארמס פאר מילך סטארעדזש, פארבעסערן ווירקזאמקייט, אינוועסטירן אין מילך טראנספער סיסטעמען, קילונג טעכנאלאגיעס און אנדערע פראיעקטן צו פאראויס שטופן געלעגנהייטן פאר מילכיגס פארמער צו טראנספארטירן אדער אוועקלייגן זייערע פראדוקטן.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 האט אויך אריינגערעכנט א נאענט צו 82 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין אגריקולטורישע אחריות'דיגקייט פראגראמען און אינציאטיוון, ווי צום ביישפיל דער 'קלימאט-שטאנדהאפטיגע פארמינג' (Climate Resilient Farming) גרענט פראגראם, וואס העלפן פארמס איינפירן ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע שיטות און באקעמפן קלימאט טויש. אין איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארגעשלאגן נאך פינאנצירונג פאר פארשונג און צו איינפירן קלימאט-שטאנדהאפטיגע מעטאדן אויף מילכיגס פארמס.

**איבער די מילכיגס אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט**

ניו יארק סטעיט איז א היים צו נאענט צו 3,000 מילכיגס פראדוצירער וואס פראדוצירן איבער 16.1 ביליאן פונט פון מילך יערליך, מאכנדיג ניו יארק פאר די לאנד'ס פיפט-גרעסטע מילכיגס סטעיט. מיט מילכיגס פארמינג זייענדיג פאראנטווארטליך פאר האלב פון די סטעיט'ס אגריקולטורישע עקאנאמיע, טוהען ניו יארק'ס אייגנארטיגע און טאלאנטפולע מילכיגס פראדוצירער און פראצעסירער מאכן באדייטנדע ביישטייערונגען צו ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריע, די עקאנאמיע און די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן